ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

שניאורסאהן

מליובאוויטש

## מכתבים - כלליים לר"ה


יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ


לזכות

חי' שרה בת רחל לאה תחי'

לרגלי יום הולדת שלה - כ"ה אלול

לאורך ימים ושנים טובות

*

נדפס ע"י הורי' שיחיו

*


כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# מכתבים כלליים לראש השנה

ב״ה, ערב שבת־קודש פ׳ תבוא
ח״י אלול, ה׳תשמ״ז
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם

ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה!

כידוע איז דער גאנצער חודש אלול די צייט פון צוגרייטונג צו ראש־השנה און בכלל צום נייעם יאר, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה. לכן איז דאס א צייט, די צייט, פון אן ערנסטן חשבון־הנפש; בפרט די לעצטע צוועלף טעג פון חודש, פון ח״י אלול אן, וואס דער חשבון איז די דאזיקע טעג בפרט איז יום לחודש, יעדער טאג — פאר דעם באטרעפנדן חודש פון יאר: ח״י אלול איז פארבונדן מיט פאריקן תשרי, י״ט אלול מיט חשון, אא״וו.

---

ערב שבת־קודש: שהוכפל בו טוב — בראשית א, כה. שם, לא. חזקוני עה״פ שם, לא. וראה רמב״ן שם. וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 641 הערה ד״ה עש״ק.

ערב שבת־קודש . . ח״י אלול: זמן ההכנה לח״י אלול, ע״ד מארז״ל (ע״ז ג, א) מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

ערב שבת קודש . . ה׳תשמ״ז: ראה לקו״ש שם הערה ד״ה עש״ק . . ה׳תשד״מ.

שבת־קודש . . ח״י אלול: יום הולדת את שני המאורות הגדולים, הבעש״ט בשנת נח״ת (ראה לקו״ד כרך א לא, א ואילך. ספר השיחות ה׳תש״ג ע׳ 146. שם ע׳ 188) ורבינו הזקן בשנת קה״ת (ראה ספר השיחות שם ע׳ 188) — ספר השיחות שם ע׳ 141 ואילך. וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 178 ואילך, ובהנסמן שם. שיחת ש״פ תבוא, ח״י אלול שנה זו (תשמ״ז). ולהעיר, אשר רשב״י (ות״ח בכלל) איקרי שבת (זח״ג קמד, ב. כט, א. וראה ברכות מז, סע״ב. שבת קיט, א).

פ׳ תבוא: ראה לקו״ש שם ע׳ 641 הערה ד״ה פ׳ תבוא. לקו״ש תבוא שנה זו הערה 1.

פ׳ תבוא . . ח״י אלול: להעיר מתורות הבעש״ט בפסוקי ריש פרשת תבוא שנאמרו בש״פ תבוא ח״י אלול (כהקביעות דשנה זו) תרנ״ב („היום יום״ ח״י אלול. כתר שם טוב (הוצאת קה״ת) הוספות סי׳ ג). וראה שיחת ש״פ תבוא, ח״י אלול שנה זו.

ביאור תורה הראשונה — ראה גם לקו״ש חכ״ד שיחה לח״י אלול ס״ה ואילך (ע׳ 183 ואילך). ביאור ב׳ תורות הראשונות — שיחת ח״י אלול ה׳תשי״ז. וראה אור״ת להה״מ (הוצאת קה״ת) ר״פ תבוא (נו, א ואילך). ד״ה והי׳ כי תבוא באוה״ת תבוא (כרך ה) ע׳ ב׳נט ואילך. ד״ה זה דח״י אלול ה׳תשל״ז.

אלול: הראשי־תיבות בתיבה זו — ראה לקו״ש ח״ט ע׳ 297 ואילך. חכ״ד ע׳ 177. שם ע׳ 14־313. קונטרס שיחת ש״פ ראה ה׳תשמ״ז ס״א־ד. וש״נ.

חודש אלול . . צוגרייטונג צו ראש־השנה: ראה לקוטי מהרי״ל הל׳ ימים הנוראים. ל״ת להאריז״ל עה״פ (תצא כא, יג) ובכתה גו׳ ירח ימים (וראה אוה״ת נ״ך כרך ב ס״ע א׳נ ובשוה״ג שם). טור או״ח ר״ס תקפ״א.

חודש אלול . . חשבון־הנפש: סה״מ אידיש ע׳ 75, 78, 129. ובכ״מ.

די לעצטע צוועלף טעג פון חודש . . יום לחודש: ספר השיחות ה׳תש״ג ע׳ 177. שם ע׳ 179.





# ב.

מ׳זעט (בשנת נסים) ווי עס ווערן מקויים די סימנים אויף דעם אין חז״ל, כולל — דעם סימן וואס שטייט אין ילקוט שמעוני (וועלכע מ׳האט דערמאנט לאחרונה כמה פעמים):[1] „שנה שמלך המשיח נגלה בו כל מלכי האומות מתגרין זה בזה כו׳, מלך פרס מתגרה במלך ערבי והולך מלך ערבי לארם[2] ליטול עצה מהם כו׳, וכל האומות מתרעשים ומתבהלים כו׳, ואומר להם (הקב״ה לישראל) בני אל תתיראו כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם כו׳, אל תיראו הגיע זמן גאולתכם כו׳, [און דערנאך איז ער ממשיך אין ילקוט:] בשעה שמלך המשיח בא עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם״.

(משיחות יום ד׳ פ׳ נצבים־וילך, כ״ב אלול תש״נ)

---

1) ישעי׳ רמז תצט. וכ״ה בפסיקתא רבתי פל״ו (פיסקא קומי אורי).

2) ובפסיקתא שם: לאדום.

## הערה

**היות וקרבה סוף שנת השמיטה מפרסמים אנו מ״ש אדמוהז״ז בשו״ע שלו (הל׳ הלוואה סימן לו): „ואם לא עשה פרוזבול בסוף ששית יעשה בשביעית עד ר״ה של מוצאי שביעית״. — „לקבץ ג׳ אנשים כשרים, שהם ב״ד, ולומר להם הריני מוסר לכם כל חובות שיש לי שאגבה אותם כל זמן שארצה״ (שם סל״ה).**

דורכדעם וואס יעדער איינער וועט מקהיל זיין אנשים נשים וטף וועלכע ער קען גרייכן, האבן צו אים א שייכות, און זיי מעורר זיין ליראה את ה׳, ביז עס זאל ווירקן אויף זיי כל הימים אז כאילו עתה נצטוה בה מפי הגבורה,

וועט דאס נאכמער צוהיילן די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, ווען מ׳וועט מקיים זיין די מצוה פון הקהל ברוחניות ובעיקר כפשוטו ממש,

עס וועט מקויים ווערן דער יעוד קהל גדול ישובו הנה, אין דעם בית המקדש השלישי, מקדש אדנ־י כוננו ידיך, און מ׳וועט הערן די קריאת הפרשיות בתורה פון מלך המשיח, בגאולה האמיתית והשלימה, ובמהרה בימינו ממש.

בכבוד ובברכה להצלחה רבה בכל האמור
ולשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה
בגשמיות וברוחניות ובגשמיות גם יחד



כל הימים: וילך שם, יב.

קהל גדול ישובו הנה: ירמי׳ לא, ז.

מקדש אדנ־י כוננו ידיך: בשלח טו, יז. וראה פרש״י עה״פ. זח״ג רכא, א. ועוד.

בגשמיות . . ובגשמיות: ראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ רצג.





במיוחד היינטיגס יאר, וועלכער איז א יאר פון שמיטה, שבת להוי׳, פאדערט א נאך טיפערן חשבון ווי אין א געוויינלעכן יאר, בפרט אז דער אנהויב (און „קאפ") פון יאר, ראש־השנה, איז אויך געווען אין דעם טאג פון שבת־קודש, וואס דאס אלעס האט נאכמער „אויפגעהויבן" און געהייליגט אלע ענינים, אויך פון טאג־טעגלעכן לעבן, אין דעם אוועקגייענדיקן יאר — אויף א העכערע מדריגה פון קדושה.

פאדערט זיך א גאר אמת׳דיקער חשבון־צדק אויף ווי ווייט די הנהגה, אין די טעג און אין די חדשים פון דעם יאר וואס גייט אוועק, איז געווען אויסגעהאלטן לויט דער פאדערונג פון תורה פון דער צייט, און וואס מ׳דארף נאך פארריכטן, דערגענצן און פארבעסערן אין דעם אלעם — ספעציעל אין די לעצטע טעג פון יאר, כדי מ׳זאל קענען אנהויבן דעם נייעם יאר אויף דער פאסנדער הויך.

* * *

ס׳איז שוין גערעדט געווארן בא פריערדיקע געלעגנהייטן — אבער א צוגאב־הדגשה אין דער פאסנדער צייט איז אלעמאל נוצליך — אז דער חשבון־צדק, מיט די החלטות וואס דרינגען ארויס פון אים, דארף ארומנעמען די אלע דריי עמודים: תורה, עבודה און גמילות־חסדים, וואס אויף אלע דריי צוזאמען „שטייט" די גרויסע וועלט און עקזיסטירט, און די „קליינע וועלט" פון יעדן יחיד.

און כדי יעדער איינער פון די דריי עמודים זאל זיין ווי ער באדארף זיין, פאדערט זיך אין יעדן פון זיי א קביעות: א קביעות אין צייט און ארט, און אויך, ואדרבא, בעיקר, א קביעות אין נפש:

היינטיגס יאר . . שמיטה: ראה מכתב יום שלשים לחודש תשרי שנה זו (תשמ״ז), ובהנסמן בהערות שם.

א יאר פון שמיטה, שבת להוי׳ . . ראש השנה . . שבת־קודש: להעיר, אשר שנת השמיטה, שבת להוי׳, ויום השבת שייכים זל״ז, וכמחז״ל שבת לה׳, כשם שנאמר בשבת בראשית — תו״כ (הובא בפרש״י) עה״פ בהר כה, ב. וראה ראב״ע ורמב״ן ועוד שם.

שבת להוי׳: בהר שם, ד.

דער אנהויב (און „קאפ") פון יאר, ראש־השנה: ראה לקו״ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א־ב. דרושים לר״ה נח, א־ב. עטרת ראש שער ר״ה בתחילתו. אוה״ת דרושים לר״ה (כרך ה) ע׳ ב׳עז ואילך. ובכ״מ.

ולהעיר, שגם יום ח״י אלול (החשבון דתשרי ור״ה העבר) חל בשנה זו בש״ק.

א גאר אמת׳דיקער חשבון־צדק: ראה מכתב ערב ח״י אלול התשמ״א (לקו״ש חכ״ד ע׳ 601 ואילך).

א צוגאב־הדגשה אין דער פאסנדער צייט: להעיר ממחז״ל (מכילתא הובא בפרש״י עה״פ יתרו יט, כד): שמזרזין את האדם קודם מעשה וחוזרין ומזרזין אותו בשעת מעשה.

די אלע דריי עמודים . . „שטייט" די גרויסע וועלט און עקזיסטירט: אבות פ״א מ״ב. שם מי״ח. וראה לקו״ת שלח מט, ב. ד״ה על שלשה דברים הש״ת (ע׳ 160 ואילך). ולהעיר, אשר ג׳ העמודים נרמזים הם (גם) בהר״ת דאלול — ראה בהנסמן לעיל הערה ד״ה אלול.

די „קליינע וועלט" פון יעדן יחיד: עולם קטן זה האדם — תנחומא פקודי ג. זח״ג לג, ב. תקו״ז תס״ט (ק, ב. קא, א). וראה אדר״נ ספל״א. לקו״ת במדבר ה, סע״א ואילך. זח״א קלד, ב. סה״מ תרכ״ז ע׳ קסו.

תורה: אין צוגאב צו קביעות־עתים כפשוטה (רעגלמעסיקע שיעורים אין תורה, באטאג און באנאכט) דארף זיין א קביעות בנפש, אז דאס וואס מ'לערנט אין תורת השם, תורת חיים (הוראה בחיים), זאל דורכדרינגען דעם גאנצן וועזן און דעם באוואוסטזיין, ביז אז — גדול לימוד שמביא לידי מעשה, מעשה המצוות, און דאס זאל זיך אפשפיגלען בפועל אין דער גאנצער הנהגה פון טאג־טעגלעכן לעבן — אויך נאכן לערנען.

עבודה: אין צוגאב צו תפלה בזמנה און תפלה בציבור, דארף די עבודה שבלב זו תפילה דורכנעמען דעם לב ונפש, אז דער דע לפני מי אתה עומד זאל זיך אויסדריקן בפועל, ביז אז עס זאל זיין כל מעשיך לשם שמים אויך נאכן דאווגען.

וידועה די תורה פון דעם בעש"ט (וואס ח"י אלול איז זיין יום הולדת) אז כל האדם דארף דינען השי"ת מיט אלע זיינע בחינות און אופנים, ווייל אזוי וויל השי"ת.

און דאס איז אייגנטלעך אויך דער אינהאלט פון די ערשטע ווערטער פון תפילה והודאה באלד ווי מ'כאפט זיך אויף פון שלאף: מודה אני לפניך מלך — צו געדענקען שטענדיק אז ער שטייט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

---

תורה . . קביעות־עתים: ראה גם תניא פל"ד.

קביעות בנפש: ראה לקו"ד כרך א ז, א (בשם אדה"ז): עפ"י דרך החסידות צריך להיות הקביעות לא רק בזמן לבד כ"א שיהי' הקביעות בנפש. וראה אוה"ת נ"ך כרך א ע' לז. המשך תער"ב ח"א פ"ד (ע' ז).

תורת חיים (הוראה בחיים): ראה זח"ג נג, ב: תורה, אמאי אקרי תורה בגין דאורי וגלי במאי דהוה סתים דלא אתידע. חיים, דכל חיים דלעילא בה אתכלילו וממנה נפקין. וראה רד"ק לתהלים יט, ח. גו"א ר"פ בראשית.

גדול לימוד שמביא לידי מעשה: קידושין מ, ב. ושי"נ. רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ג. פ"ג ה"ג. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג.

עבודה שבלב זו תפלה: תענית ב, א. רמב"ם הל' תפלה בתחלתן. סהמ"צ להרמב"ם מ"ע ה.

דע לפני מי אתה עומד: ראה ברכות כח, ב.

כל מעשיך לשם שמים: אבות פ"ב מי"ב. רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. וצע"ק שבשו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב השמיטו (אבל מציין בפנים לעיין באדר"נ פי"ז ובח"פ להרמב"ם פ"ה, שבשניהם מקושר הנ"ל עם „בכל דרכיך דעהו" — שהובא בשו"ע אדה"ז שם).

וידועה . . בעש"ט: צוואת הריב"ש (הוצאת קה"ת) בתחילתה (ס"ג).

ח"י אלול איז זיין יום הולדת: בענין יום הולדת של צדיקים — ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 86 שוה"ג להערה 1. ושי"נ. וראה ג"כ בעניננו (ח"י אלול): ספר השיחות התש"ג ע' 89 ואילך. שם ע' 186. נתבאר בארוכה בלקו"ש חכ"ד ע' 178 ואילך.

די ערשטע ווערטער . . באלד ווי מ'כאפט זיך אויף פון שלאף: להעיר מכתר שם טוב סרי"ב (כז, ג־ד) ע"ד גודל ענין דיבור הראשון בקומו משנתו ואיך שהוא משפיע על כל היום. סה"מ — מלוקט ח"א ע' מה־מו. ולהעיר מפתגם כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע, אשר ה„נקודה" (שאחרי תיבת „בחמלה") שב„מודה אני" צריך לפעטה (פאנאנדערשפרייטן) על כל היום כולו — שיחת יום אחש"פ תרצ"ו בסעודה ס"א (נדפסה בספר השיחות תרצ"ו — חורף השי"ת ע' 239). קונטרס ענינה של תורת החסידות ס"ט.

באלד ווי מ'כאפט זיך אויף פון שלאף: מודה אני: סדר היום בתחילתו — הובא בבאר היטב או"ח ס"א סק"ה. שו"ע אדה"ז או"ח מהדו"ק ס"א ס"ה. מהדו"ב ס"א ס"ו. סידור אדה"ז לפני „מודה אני".





וועלכער איז מאחד אלע אידן, דעריבער ווערט עס געטאן דורכן מלך דוקא, וואס „אימתו עליך", ער דערוועקט דעם געפיל פון אימה ויראה וואס איז מבטל דעם „איך" און די אויסגעטיילטע מציאות פון דעם הערער: און דער מלך איז דאך „לב כל קהל ישראל".

• • •

ויהי רצון, אז די אויסערגעוויינלעכע מעגלעכקייטן און כחות וואס די דאזיקע צייט און די טעג ברענגען מיט זיך, זאלן אויסגענוצט ווערן אין דער פולסטער מאס,

ובפרט אז עס ווערט דאך מקויים בא יעדן איינעם און איינע: פנה אלי וחנני תנה עוזך לעבדך.

און דאס אלעם וועט זיכער נאכמער צוגעבן אין דער כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאר בכל המצטרך, און נאך מער מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה — א טייל וועלכע איז בדרך הטבע — אבער באופן פון גדלות, כי (ווייל דער אויבערשטער איז דאך) גדול אתה, און ועושה (א טייל למעלה מן הטבע לגמרי, נס, ווייל דער אויבערשטער טוט) נפלאות אתה,

פאר זיך און די בני־בית, בתוך כלל אחינו בני ישראל — שליט"א.

ויהי רצון, אז יעדער איינער און איינע זאל מאכן די פאסנדע הכנות צום נייעם יאר, כולל אויך — די הכנות צו שנת הקהל

— ווארום כאטש די מצוה פון הקהל אין פשוט'ן זין איז פארבונדן מיט דער צייט פון בית המקדש, איז דאך אבער באוואוסט, אז ענינים וועלכע זיינען פארבונדן מיט דעם בית המקדש ווי קרבנות אד"ג זיינען זיי אין גייסטיקן זין אקטועל אין אלע צייטן,

---

דעריבער ווערט עס געטאן דורכן מלך דוקא: ראה גם מכתב ימי הסליחות התשכ"ו (לקו"ש ח"ט ע' 445־6).

אימתו עליך: קידושין לב, ב. וראה אור תורה להה"מ קטו, סע"ד (בהוצאת קה"ת תש"מ ואילך — סי' תקג).

מבטל דעם „איך" כו': ראה חגיגה ה, ב: יתוי קמי מלכא. וראה סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך בתחילתה (דרמ"צ קח, א) שהמלך ממשיך ביטול בבנ"י.

דער מלך איז דאך: והביטול שלו למלך מלכי המלכים הוא בתכלית השלימות, כיון שכרע שוב אינו זוקף (ברכות לד, ב. נתבאר באוה"ת פ' זכור ע' איתשפג ואילך).

„לב כל קהל ישראל": רמב"ם הל' מלכים פ"ג ה"ו. וראה שו"ת הרשב"א ח"א סקמ"ח. ולהעיר מאגה"ק ר"ס כט. וראה לקו"ש חי"ט ע' 165 ואילך.

פנה אלי . . לעבדך: תהלים פו, טז.

מידו המלאה . . והרחבה: נוסח ברכת המזון.

כי . . גדול אתה . . ועושה . . נפלאות אתה: תהלים שם, י.

איז . . באוואוסט: ראה לקו"ת סוכות עח, ג. מכתב עש"ק ח"י אלול ה'תש"מ (לקו"ש חי"ט ע' 613). ושי"נ.

וויבאַלד די הכרה איז פאַרבונדן מיט יעדן יחיד פאַר זיך — וואָס עס איז דאָך אין דיעותיהן שוות, ספּעציעל ווען עס רעדט זיך אין שייכות מיט דער אייגענער פּריוואַטער שדה — איז אין איר פאַראַן ריבוי פּרטים וחילוקים, ס'איז ניט די זעלבע הכרה בּאַ יעדערן.

דאַקעגן בּאַ מצות הקהל איז פאַרקערט — דער אינהאַלט פון הקהל איז אחדות: מען זאַמלט אַלע אידן, האנשים והנשים והטף, אַלס אַ קהל, איין קהל: אויך די פּרשיות התורה וועלכע ווערן געלייענט פאַר אַלע אידן, איז מיט דעם צוועק צו איינווירקן אויף אַלע הערער די זעלבע נקודה — ליראה את ה', און ווי דער רמב"ם ערקלערט, אַז אפילו אַזעלכע וועלכע פאַרשטייען ניט די קריאה פון הקהל, איז חייבין להכין לבם ולהקשיב אזנם לשמוע באימה ויראה כו' כיום שניתנה בו בסיני כו' בכוונה גדולה יתירה כו' ויראה עצמו כאילו עתה נצטוה בה ומפי הגבורה שומעה. דאָס הייסט, די הויפּט־זאַך איז ניט דער פאַרשטיין בשכל פון די פּרטים א.ז.וו., נאָר די כוונת הלב און די אימה ויראה הערנדיק אין דעם, אין דער קריאה — כאילו עתה נצטוה בה ומפי הגבורה שומעה, אין וועלכע אַלע אידן, פון „חכמים גדולים" ביז די וואָס „אינן מכירין", זיינען ווי איינער, כאיש אחד בלב אחד, ווי עס איז געווען במתן תורה.

דערמיט ווערט אויך פאַרשטאַנדיק וואָס די קריאת התורה בהקהל איז געווען דורכן מלך דוקא. אייגענטלעך, איז לערנען תורה מיט אידן אַ זאַך וואָס איז שייך צו סנהדרין, נאָר וויבאַלד דער צוועק פון קריאת התורה בּאַ הקהל איז ליראה את ה',

---

אין דיעותיהן שוות: ראה ברכות נח, רע"א. סנהדרין לח, א. אדר"נ פ"ד, ו. מסכת דרך ארץ רבה פ"ט. תנחומא פינחס י.

האנשים והנשים והטף: וילך שם, יב. וראה לקוטי לוי"צ שם (ע' רמה).

והטף: ראה מכתב יום שלשים לחודש תשרי הנ"ל הערה ד"ה והטף. וש"נ.

איין קהל: ראה לקו"ש חי"ט ע' 300, ובהנסמן שם בהע' 29. מכתב ימי הסליחות ה'תש"מ (לקו"ש שם ע' 615 ואילך).

די פּרשיות התורה וועלכע ווערן געלייענט פאַר אַלע אידן: כמ"ש (וילך שם, יא) „תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל", „מתחלת אלה הדברים" (פרש"י עה"פ, מסוטה מא, א).

ווי דער רמב"ם ערקלערט: הל' חגיגה פ"ג ה"ו. וראה לקו"ש נצו"י שנה זו (תשמ"ז) הערות 23־22.

דאָס הייסט: ראה לקו"ש הנ"ל ס"ד.

„חכמים גדולים": לשון הרמב"ם שם.

„אינן מכירין": לשון הרמב"ם שם סוף ה"ה (ראה לקו"ש הנ"ל הערה 22).

כאיש אחד בלב אחד . . במתן תורה: פרש"י עה"פ יתרו יט, ב. וראה מכילתא שם.

דערמיט ווערט אויך פאַרשטאַנדיק: בהבא להלן ראה גם לקו"ש חי"ט ע' 300 ואילך.

די קריאת התורה בהקהל . . דורכן מלך דוקא: משנה סוטה מא, א (וראה רש"י שם ד"ה שנאמר). פרש"י עה"פ וילך לא, יא. ובפרטיות — ברמב"ם שם ה"ג. וראה לקו"ש נצו"י הנ"ל הערה 20, 34. וש"נ. וגם להדיעות דמלך לאו דוקא (ראה בהנסמן בלקו"ש הנ"ל הערה 20) צ"ל ע"י גדול דוגמת מלך שבמשנה ולא סנהדרין וכיו"ב.

לערנען תורה מיט אידן . . איז שייך צו סנהדרין: ראה רמב"ם ריש הל' ממרים. תדבא"ר פי"א. ועוד.





גמילות־חסדים: אין צוגאָב צו חסד און צדקה בפשטות, איז דאָך דאָס כולל — סיי חסד בגופו ונשמתו, סיי חסד בממונו, און בין לעשירים בין לעניים, אויך עשירים און עניים ברוחניות;

און די אַלע אופנים דאַרפן זיין דורכגעדרונגען מיט אמת'ע אהבת־ישראל, מיוסד אויף דעם כלל גדול בתורה ואהבת לרעך כמוך.

וידועה די תורה פון דעם אַלטן רבי'ן (וואָס ח"י אלול איז זיין יום הולדת), אַז ואהבת לרעך כמוך איז אַ כלי צו ואהבת את השם אלקיך, וועלכע איז פאַרבונדן מיט אהבת התורה, תורת השם אלקיך.

* * *

דאָס אַלעס: דער חשבון־צדק, דער בּאַשלוס און די מעשה בפועל אין דעם דערגענצן — ביז אויפהויבן, שבת'דיק מאַכן — דאָס אַלעס אויבנגעשריבענע, האָט די הקדמה און פאַרזיכערונג פון תורתנו, תורת חיים: איני מבקש אלא לפי כוחן, דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון אַ מענטשן לויט דעם מענטשנס כוחות — יעדער איינער און איינע, פון קליין ביז גרויס, בּאַקומט פון אויבערשטן די פולע כוחות צו דערפילן דעם רצון פון דעם אויבערשטן בשלימות און בשמחה.

און אַ ספּעציעלע פאַרשטאַרקונג קומט אין דעם אַלעם אין דעם חודש אלול — די צייט ווען די י"ג מדות הרחמים ווערן אַנטפּלעקט און לייכטן און בּאַלייכטן יעדערן און יעדערע.

---

גמילות־חסדים . . בגופו ונשמתו . . בממונו: ראה סוכה מט, ב. פרש"י ורבינו יונה לאבות פ"א מ"ב. וראה ד"ה אשר ברא והמשכו וד"ה כל הנהגה תרפ"ט פ"ד ואילך ופ"ח ואילך (סה"מ קונטרסים ח"א כג, א ואילך).

גמילות־חסדים . . בין לעשירים בין לעניים: סוכה שם.

עניים ברוחניות: ראה נדרים מא, א: אין עני אלא בדעה. כתובות סח, א: עני — עני בדעת, עשיר — עשיר בדעת. זח"ג רעג, ב.

כלל גדול בתורה ואהבת לרעך כמוך: קדושים יט, יח. תו"כ (הובא בפרש"י) עה"פ. ויתירה מזו: זו היא כל התורה כולה — שבת לא, א. וראה תניא פל"ב.

די תורה פון דעם אַלטן רבי'ן: הובאה בהוספות לסה"מ תרנ"ט ע' רט. „התמים" חוברת ד ע' מה [קפח, ב]. אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע ח"ג ע' תכו. קונטרס תורת החסידות ע' 24. „היום יום" ו' תשרי. ספר השיחות ה'ש"ת ע' 3. וראה ספר הערכים־חב"ד כרך א ערך אהבת ישראל ס"ז. וש"נ.

ואהבת לרעך כמוך . . ואהבת את השם אלקיך . . פאַרבונדן מיט אהבת התורה: ראה ספר השיחות ה'ש"ת ע' 2 ואילך. לקו"ש ח"ב ע' 499. ספר הערכים שם.

ואהבת את השם אלקיך: ואתחנן ו, ה.

איני מבקש אלא לפי כוחן: במדב"ר פי"ב, ג. תנחומא נשא יא.

בשלימות: ראה במקומות שהובאו באוה"ת לך ד"ה ומלכי צדק (עו, ב ואילך). לקו"ת ראה ל, ג. וש"נ.

און בשמחה: ראה ד"ה שמח תשמח ה'תשמ"א (סה"מ — מלוקט ח"ב ע' עז ואילך) ס"ד. וש"נ.

חודש אלול . . י"ג מדות הרחמים ווערן אַנטפּלעקט: לקו"ת ראה ד"ה אני לדודי הא' ס"א (לב, א־ב). ד"ה זה הב' ס"א (לג, א). שם ד"ה ושמתי כדכד הא' ס"א (כד, ד). מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ב ס"ע תבב ואילך, ובהנסמן שם בהערה ד"ה הנזכר בספרי הקבלה.

און אויב אפילו אַ מענטש פילט דאָס ניט בגלוי ממש (מצד די גשמיות׳דיקייט פון וועלט און די פינצטערניש פון גלות), פילט עס אָבער די נשמה: באור פני מלך חיים, די ספּעציעלע נאָענטקייט און האַרת־פּנים פון דעם אויבערשטן — ווי דער אַלטער רבי ערקלערט בארוכה די ספּעציעלע גינסטיקייט פון חודש אלול מיט דעם באוואוסטן משל אַז דאַמאָלס איז „מלך בשדה״. ובלשונו:

משל למלך שקודם בואו לעיר יוצאין אנשי העיר לקראתו ומקבלין פניו בשדה, ואז רשאין כל מי שרוצה לצאת להקביל פניו, והוא מקבל את כולם בספר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם, ובלכתו העירה הרי הם הולכים אחריו.

און פון ח״י אלול אָן ואילך ווערט אַריינגעבראַכט נאָך מער חיים און חיות פנימיים אין אַלע ענינים פון אלול, כידוע.

* * *

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע זאָל זיך נאָכמער און טיפער אַריינ־טראַכטן אין דער באַדייטונג און אויסערגעוויינלעכע מעגלעכקייטן וואָס די דאָזיקע טעג ברענגען מיט זיך, און אויסנוצן זיי אין דער פולסטער מאָס;

ובפרט אַז עס ווערט דאָך מקויים בא יעדן איינעם: פנה אלי וחנני תנה עוזך לעבדך.

און זיכער וועט דאָס אַלעם נאָך מער צוגעבן אין דער כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאָר, בכל המצטרך, פאַר זיך און די בני־בית, בתוך כלל אחינו בני ישראל — שליט״א.

בכבוד ובברכה להצלחה בכל האמור
ולשנה טובה ומתוקה
בגשמיות וברוחניות גם יחד



באור פני מלך חיים: משלי טז, טו. וראה לקו״ת בלק עב, ב. מסעי צג, ב.
ווי דער אַלטער רבי ערקלערט בארוכה: בלקו״ת ד״ה אני לדודי הא׳ שם.
רשאין: ומוסיף ומבאר כ״ק מו״ח אדמו״ר בסד״ה לך אמר לבי (בסה״מ הש״ת ע׳ 166. הש״ת ע׳ 285): רשאים ויכולים.
ובלכתו העירה: בר״ה ועשי״ת כר שמח״ת (ראה לקו״ת שם רד״ה אני לדודי הא׳ וסד״ה הנ״ל השני).
הרי הם הולכים אחריו: שגם ע״ז ניתנו הכחות באלול.
פון ח״י אלול אָן ואילך ווערט אַריינגעבראַכט . . חיות: ראה שיחת ח״י אלול ה׳תש״ה (לקו״ד כרך ג ע׳ 946 ואילך. ספר השיחות ה׳תש״ה ע׳ 122 ואילך): א) ח״י אלול איז דער טאָג וואָס האָט געבראַכט און ברענגט אַ לעבן אין אלול. ב) ח״י אלול גיט אַ חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי. — נת׳ בלקו״ש חי״ט שיחה לח״י אלול (ע׳ 250 ואילך). לקו״ש ח״י אלול ה׳תשד״מ.
אין דער פולסטער מאָס: ראה כתובות סז, רע״א.
פנה אלי . . לעבדך: תהלים פו, טז.
כתיבה וחתימה טובה . . ולשנה טובה ומתוקה: ראה בהערות למכתב ח״י אלול ה׳תשמ״ז בסופו. וש״נ.
בגשמיות וברוחניות: ראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ רצג.





בשעת עס קומט צום ענדע פון טאָג, איידער ער ווערט אַנטשלאָפן, מאַכט ער דעם סך־הכל פון דעם גאַנצן טאָג, ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט אים, און נעמט די פנימיות און חיות דערפון, „רוחי״, און גיט עס אַלס איין נקודה — איין פקדון צום אויבערשטן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין איין איינציקער נקודה — בידך אפקיד רוחי, אַז זיין גאַנצער טאָג, מיט אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטאָן במשך דעם טאָג, מאַכט ער דערפון אַ פקדון און גיט עס אָפּ דעם אויבערשטן.

* * *

די צוויי אויבנדערמאָנטע נקודות, ווערן נאָכמער אונטערשטראָכן היינטיקן יאָר, שנת השמיטה, ובפרט בא זיין אָפּשלוס, וואָס פירט אַריין און גרייט־צו דעם קומענדיקן יאָר, שנת הקהל, וועלכער איז מקץ שבע שנים גו׳ הקהל את העם.

דער ציל פון דיביידע מצוות, סיי שמיטה און סיי הקהל, איז צו מגלה זיין, אַרויסברענגען, די מלכות פון אויבערשטן:

די פאַרשידענע מצוות פון שמיטה — סיי דער פאַרבאָט צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט (שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור), און סיי דאָס וואָס די פירות וועלכע וואַקסן אויס בשנת השמיטה זיינען הפקר לכל — באַווייזן ווי „הכל ברשות אדון הכל״, אַז דער אויבערשטער איז דער בעה״ב אויף זיין — דעם מענטשנ׳ס — שדה וכו׳ און פון אַלעם וואָס איז דאָ אין וועלט; און מצות הקהל קומט אויפטאָן — למען ישמעו . . ויראו את ה׳ אלקיכם.

אָבער עס איז פאַראַן אַן עיקר׳דיקער אונטערשייד צווישן זיי:

דער אָנזאָג אויף מצות שמיטה איז געזאָגט געוואָרן צו יעדן יחיד באַזונדער — שש שנים תזרע שדך גו׳ ובשנה השביעית שבת שבתון . . שדך לא תזרע גו׳. יעדער יחיד דאַרף דורכגעדרונגען ווערן מיט דער הכרה, אַז זיין פריוואַטע שדה, און רכוש אין אַלגעמיין, איז „ברשות אדון הכל״.

בידך אפקיד רוחי: סיום קריאת שמע שעהמ״ט, מתהלים לא, ו.
שנת הקהל: ראה מכתב יום שלשים לחודש תשרי שנה זו (תשמ״ז), ובהנסמן בהערות שם.
מקץ שבע שנים גו׳: וילך לא, י־יג ואילך. וראה פרש״י עה״פ שם, יו״ד. לקו״ש חכ״ד שיחה א׳ לפ׳ וילך (ע׳ 197 ואילך).
די פאַרשידענע מצוות פון שמיטה: בהבא להלן ראה גם שיחה הנ״ל ס״ח ואילך (לקו״ש שם ע׳ 202 ואילך), ובהנסמן שם.
שמיטה . . דער פאַרבאָט . . ערד־אַרבעט: ראה ל״ת (טעמי המצוות) להאריז״ל פ׳ בהר. שער המצוות שם. סהמ״צ להצ״צ מצות קדושת שנת השביעית (דרמ״צ לה, א ואילך).
שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור: בהר כה, ד.
הפקר לכל: אפקעתא דמלכא (לשון הגמרא ב״מ לט, רע״א (ובפרש״י שם: מצות המלך). קו, א (ובפרש״י שם: המלך ביטלו מלזורעה כו׳). קס, א (לגבי יובל)). וראה לקו״ש חי״ז שיחה ב׳ לפ׳ בהר (ע׳ 286 ואילך).
הכל ברשות אדון הכל: חינוך מצוה שכח. וראה חינוך מצוה פד.
מצות הקהל: ראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ רלט ואילך.
למען ישמעו . . אלקיכם: וילך לא, יב.
שש שנים תזרע . . לא תזרע: בהר שם, ג־ד.

זעען זיך ניט אָן די חילוקים מיט וועלכע יעדער איינער איז אויסגעטיילט פון צווייטן, ס'איז דאָ איין זאַך — דער מלך.

און דערפאַר זאָגט מען אויף ראש־השנה, יום בריאת האדם, זה היום תחלת מעשיך — ווייל אין דעם באַשטייט די שלימות פון דער בריאה, אַז אין אַלע ריבוי פרטים פון דער בריאה זאָל אַריינגעבראַכט ווערן די נקודה פון מלכות השם אין איין נקודה און — די זעלבע נקודה, אַנערקענען דעם אויבערשטן אַלס מלך.

און דאָס איז פאַרבונדן מיט דער ספּעציעלער אויסגעטיילטקייט פון דעם אדם, ווי דער פסוק זאָגט הן האדם הי' כאחד ממנו — אדם על שם אדמה לעליון, ביז אַז זיין נשמה (אין איר שלימות) ווערט אָנגערופן יחידה, ווייל זי פאַראייניציקט זיך מיט יחידו של עולם (און — יחידה לייחדך) — און דערפאַר ווערט די אחדות אַנט־פּלעקט דורכן אדם דוקא, וואָס ער איז מכתיר דעם אויבערשטן אַלס מלך ישראל (תמליכוני עליכם) און מלך העולם (מלוך על העולם כולו).

* * *

די צוויי אויבנדערמאָנטע נקודות, די נקודת הריבוי פון תחילת הבריאה און נקודת האחדות פון גמר הבריאה (יום בריאת האדם) — זיינען אויך פאַראַן אין דעם „עולם קטן — זה האדם", און נאָכמער — פאַראַן ביז אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן:

ווען אַ איד שטייט־אויף פון שלאָף, דערזעט ער צום אַלעם ערשטן „אַ גרויסע וועלט", מיט ריבוי פרטים. דערנאָך, במשך דעם גאַנצן טאָג, פאַרנעמט ער זיך מיט פאַרשידענע־ערליי ענינים, וואָס אין זיי אַלע דינט ער דעם אויבערשטן, כל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו, יעדערער לויט זיין סדר החיים;

---

ראש השנה . . נקודה פון מלכות . . העולם כולו: ראה כתהאריז"ל (דלר"ה) בארוכה דבר"ה הוא בנין המל'. ובסידור עם דא"ח שזהו מנקודתה הראשונה (ע"ד יש מאין) ועד לסוף כל דרגין וכל הפרטים.

הן האדם הי' כאחד ממנו: בראשית ג, כב. וראה רמב"ם הל' תשובה רפ"ה. לקו"ת אמור לח, ב. ובכ"מ.

אדם על שם אדמה לעליון: עש"מ (לרמ"ע מפאנו) מאמר אם כל חי ח"ב סל"ג (קצג, ב). של"ה ג, א. כ, ב. שא, ב. ובכ"מ. עבודת הקודש ח"א (חלק הייחוד) פי"ז ואילך. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א ע' קכב. וש"נ.

יחידה: ראה ב"ר פי"ד, ט; דב"ר פ"ב, לז: חמשה שמות נקראו לה, נפש רוח נשמה חי' יחידה. וראה קונטרס עניינה של תורת החסידות ס"ה ובהערה 37 שם. תוד"ה עד אחת — מנחות יח, א. וראה ע"ח שער מב (שער דרושי אבי"ע) פ"א (הובא בלקו"ת ראה כז, א. ובכ"מ): יש ניצוץ קטן מאד שהוא בחינת אלקות כו' וזה הניצוץ מתלבש בכח ניצוץ אחד נברא כו' הנק' יחידה.

יחידה . . פאַראייניציקט זיך מיט יחידו של עולם: ראה לקו"ת פ' ראה כה, א.

יחידה לייחדך: פיוט הושענות („אום אני חומה"). — יחידה עושה ומגלה היחיד דלמעלה.

מלך ישראל: ישעי' מד, ו, מפסוקי מלכיות בתפלת מוסף דר"ה.

תמליכוני עליכם: ר"ה טז, א. לד, ב.

מלוך על העולם כולו: תפלת העמידה דר"ה (ברכת „אלקינו כו' מלוך כו'").

עולם קטן — זה האדם: תנחומא פקודי ג. זח"ג לג, ב. תקו"ז תס"ט (ק, ב. קא, א). וראה אדר"נ ספל"א. לקו"ת במדבר ה, סע"א ואילך. זח"א קלד, ב. סה"מ תרכ"ו ע' קכו.

כל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו: אבות פ"ב מי"ב. משלי ג, ו. וראה בהנסמן במכתב הקודם (לעיל ע' 669 ואילך) הערה ד"ה כל מעשיך לשם שמים.





ב"ה, מוצאי שבת־קודש פ' נצבים־וילך,
כ"ה אלול,
שבת סליחות, ה'תשמ"ז,
שנה השביעית, שבת להוי',
ברוקלין, נ.י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם

ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

בהמשך צום בריוו פון ערב שבת־קודש ח"י אלול, אין וועלכן ס'איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם חשבון־צדק פון חודש אלול,

און אַריינגייענדיק אין דער וואָך פון ראש־השנה — איז איצט די פּאַסנדע צייט אַריינצוטראַכטן זיך אין די ענינים פון ראש־השנה, ווי זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם חשבון און זיינע מסקנות (אויספירן).

ובפרט אַז דער חשבון־צדק פון חודש אלול איז, אין צוגאָב צוליב דערגענצן דעם עבר — אויך, ואדרבא הויפּטזעכלעך, צוליב דעם עתיד, אַז די עבודה פון ראש־השנה, און פון דער קומענדיקער שנה (יאָר) בכלל, זאָל זיין אין דער פולסטער שלימות.

* * *

בנוגע צו ראש־השנה — דער יום־טוב פון דעם „געבורטסטאָג" פון דער וועלט (זה היום תחלת מעשיך) — איז באַוואוסט די שאלה: דער ערשטער טאָג פון מעשה

---

מוצאי שבת־קודש פ' נצבים־וילך, כ"ה אלול, שבת סליחות: ראה הערות למכתב מוצש"ק כ"ה אלול התשד"מ בתחלתו (לקו"ש חכ"ד ע' 147). וש"נ.

סליחות: פעולת ימי הסליחות לאחרי העבודה בימי אלול הקודמים — ראה כתר שם טוב (הוצאת קה"ת) הוספות סי' יג. וש"נ.

שנה השביעית, שבת להוי': בהר כה, ב־ד.

אין דער וואָך פון ראש־השנה — איז איצט די פּאַסנדע צייט: ראה מכתב עש"ק שבת סליחות ה'תשמ"ה הערה ד"ה אין די לעצטע טעג פאַר ר"ה.

זה היום תחלת מעשיך: תפלת מוסף דר"ה, מר"ה כז, א. וראה גם ירושלמי ר"ה פ"א ה"ג בתחילתה. המצויין להלן בהערה ד"ה דער ערשטער.

די שאלה: לקו"ת נצבים מז, ג. מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"ג ע' תתמ. אוה"ת נצבים ע' א'רמב. א'רמט. א'רנד. ועוד. ד"ה והענין כו' זה היום תרנ"ד (ע' יג). ועוד. רד"ה זה היום תרפ"ד, תש"ד, תש"ט. ועוד.

דער ערשטער טאָג פון מעשה בראשית . . כ"ה אלול: ויק"ר רפכ"ט. פסיקתא דר"כ פיסקא כג (בחודש השביעי). יל"ש עה"פ (פינחס כט, א) ובחודש השביעי (רמז תשפב). תוד"ה לתקופת — ר"ה ח, א. וראה פרקי דר"א רפ"ח ובהגהות הרד"ל שם. וראה גם ר"ן (הובא בחדא"ג מהרש"א) לר"ה טז, א.

בראשית איז דאך געווען כ"ה אלול — פארוואס האט מען באשטימט ראש־השנה אויף א' תשרי, דער זעקסטער טאג פון מעשה בראשית?

די ערקלערונג איז געגעבן געווארן אין תורה, וועלכע איז תורה אור: וויבאלד אז מיט דעם באשאף פון דעם מענטשן איז די גאנצע בריאה דערגענצט און פארפאלקאמט געווארן — איז דער טאג פון דעם מענטשנס באשאפונג — דער טאג פון דער באשאפונג פון דער בריאה אלס אן איינהייט, אלס אן איינהייט בשלימותה. בפרט אז דער מענטש איז געווען דער נברא השלם לגבי אלע נבראים.

אויספירלעכער בפרטיות אין דעם:

דער ערשטער טאג פון באשאף, יום ראשון פון אלע זיבן ימי בראשית, דאמאלס איז בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, און ווי חז"ל טייטשן אפ דעם פסוק, אז אין ערשטן טאג איז אַלץ באשאפן געווארן (את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'), וואס דאס ברענגט ארויס די גדלות פון אויבערשטן, ווי געזאגט: מה רבו מעשיך ה' (ווי פילע זיינען דיינע מעשים, השם), מה גדלו מעשיך ה' (ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, השם).

נאכמער: דוקא אין דעם ערשטן טאג פון מעשה בראשית איז געווען די זאך פון ברא, בריאה יש מאין, דאקעגן אין די טעג נאכדעם האט דער אויבערשטער געגעבן

---

די ערקלערונג: ראה גם רבינו בחיי עה"פ בראשית א, יג (ד"ה ויש לך לדעת). חדא"ג מהרש"א לר"ה כז, א. לקו"ת שם מז, א. מז, ג. אוה"ת שם ע' א'רמט. א'רנד. ובכ"מ. מכתב ימי הסליחות התשכ"ט (לקו"ש ח"ט ע' 454). מוצש"ק כ"ה אלול התשמ"ג (לקו"ש חכ"ד ע' 627). ושנ"ג.

תורה אור: משלי ו, כג.

מיט דעם באשאף פון דעם מענטשן איז די גאנצע בריאה . . פארפאלקאמט געווארן: ראה חדא"ג מהרש"א שם (כז, א): האדם הי' תכלית של כל הבריאה וכאילו לא נברא שום דבר קודם בריאת אדם ונקרא ר"ה תחלת מעשיך שהאדם הוא עיקר המעשים. ובבחיי שם: אדם שהוא תשלום הבריאה וגמר הכל. ובזח"ג מח, סע"א: ותאנא כיון דנברא אדם אתתקן כולא וכל מה דלעילא ותתא וכולא אתכליל באדם. וראה לקו"ש חכ"ד שם הערה ד"ה דער מענטש כו'.

דער נברא השלם: ראה הערה הקודמת. ועוד. ובזח"א לד, ב: דכד בעא קוב"ה למברי אדם אזדעזעו כל עילאין ותתאין (נתבאר בלקוטי לוי"צ לזח"א שם — ע' ח). וראה עבודת הקודש ח"ג (חלק התכלית) פ"ג־ד. וראה (אודות חכמת אדה"ר) לקו"א להה"מ (הוצאת קה"ת) סרמ"ד (נח, ג ואילך). או"ת ד, סע"ב ואילך (בהוצאת קה"ת תש"מ ואילך — סי' יד).

בראשית . . הארץ: בראשית א, א.

ווי חז"ל טייטשן אפ: פרש"י עה"פ שם, יד. שם, כד.

את השמים . . תולדותי': לשון רש"י עה"פ שם, יד.

מה רבו . . מה גדלו: תהלים קד, כד. שם צב, ו.

ברא, בריאה יש מאין: ראה רמב"ן עה"פ בראשית א, א: ואין אצלנו בלשון הקודש בהוצאת היש מאין אלא לשון ברא.

בריאה . . געגעבן די נבראים זייער צורה . . (יצירה)) און פארפאלקאמט (עשי', לשון תיקון): ראה סה"מ תרצ"ט ע' 223 (ובכ"מ): דכל דבר כשבא לידי גמר מלאכתו, הנה זהו תיקונו, והן ג' מדריגות בריאה יצי' עשי', דבריאה הוא ראשית התחדשות היש, והוא החומר, ויצירה הוא הצורה, ותיקון הוא עשי'.

אין די טעג נאכדעם . . פארפאלקאמט (עשי', לשון תיקון): ראה פרש"י עה"פ (שם, ו) ויעש אלקים את





די נבראים זייער צורה (אין דעם ברייטן פירוש פון צורה (יצירה)) און פארפאלקאמט (עשי', לשון תיקון) יעדן נברא אין זיין באשטימטן טאג, ווי ערקלערט אויספירלעך אין מפרשי התורה.

וואס אין דער זאך פון בריאה יש מאין קומט צום אויסדרוק דער אויסשליסלעכער כח פון אויבערשטן, ווארום נאר הוא ית' קען באשאפן „יש מאין".

אבער נאך דעם אלעם, איז דער תכלית השלימות פון דער בריאה האט זיך אויפגעטאן דורך דעם אדם, ויברא אלקים את האדם גו'.

* * *

די ערקלערונג אין דעם:

דער אויפטו אין דעם יום ששי למעשה בראשית איז, וואס אין דעם טאג האט אדם הראשון מכתיר געווען דעם אויבערשטן אלס מלך, און האט אויפגעפאדערט און איינגעווירקט אז די גאנצע בריאה זאל אנערקענען און נעמען אויף זיך די מלכות פון דעם בורא עולם; דורך זיין אויפפאדערונג: בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו (קומט, לאמיר זיך בוקן און בייגן, לאמיר קניען פאר השם אונזער באשעפער), און דער אויבערשטער איז דאמאלס ה' מלך גאות לבש.

אין דעם באשטייט א גרונט־חילוק צווישן יום הראשון למעשה בראשית (כ"ה אלול), און יום ראש־השנה (ששי למעשה בראשית):

אין אנהויב פון דער בריאה איז געקומען צום אויסדרוק די גדלות פון אויבערשטן אין דעם ענין פון ריבוי — די ריבוי נבראים וועלכע זיינען דאן באשאפן געווארן, ווי געזאגט — מה רבו מעשיך ומה גדלו מעשיך; אדם הראשון, דורך מכתיר זיין דעם אויבערשטן אלס מלך אויף דעם גאנצן באשאף, האט אויפגעטאן די נקודה פון מלכות השם און אחדות. דער באדייט פון הכתרת המלך איז — דער פולשטענדיקער אויפנעמען פון דעם מלך, בלשון הידוע „הוא הכל", ביז אז עס

---

הרקיע: תקנו על עמדו, והיא עשייתו, כמו ועשתה את צפרני' (תצא כא, יב).

די נבראים: לבד הנבראים השייכים במיוחד ליום ראשון, וכמרז"ל בזה (חגיגה יב, א).

נאר הוא ית' קען באשאפן „יש מאין": אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב).

באשאפן „יש מאין": בכל רגע ממש, תמיד כל הימים, כפי' הבעש"ט (תניא שער היוה"א בתחלתו. וראה רמב"ם בתחלתו עיי"ש).

ויברא . . האדם: בראשית א, כז. לשון בריאה בלה"ק שייך גם ביש מיש כבריבוי מקומות בתנ"ך.

זיין אויפפאדערונג: בואו . . עושנו: זהר ח"א רכא, ב. ח"ג קז, ב. תקו"ז תנ"ו (צ, ב). וראה אוה"ת ויקרא ס"ע רלו ואילך.

בואו . . עושנו: תהלים צה, ו.

ה' מלך גאות לבש: תהלים צג, א. אמרו אדם ביום שנברא כשהמליך אותו וכל הבריות אתו (פרקי דר"א פי"א). ועד שהוא שירו של כל יום ו' בשבוע (ר"ה לא, א. תמיד בסופה).

בלשון הידוע „הוא הכל": פרש"י עה"פ חוקת כא, כא. וראה תנחומא חוקת כג. במדב"ר פי"ט, כח.